

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## פרשת מטות-מסעי

# השגחה פרטית אויפן לאנגן וועג

פרנס השבוע

לכבוד הילד החשוב יניק וחכים

כמר **אהרן יודא שלעזינגער** ני"ו

מיט ליבשאפט,

פון דיין טאטע

## פרשת מטות-מסעי

# השגחה פרטית אויפן לאנגן וועג

**ניסן, תרפ"ג**

ס'איז געווען א שיינע פרילינג וועטער, באגלייט דורך א לייכטע ווינטל אין דער לופט ווען דאס אינגל האט זיך באוויזן ביים ארויסגאנג פון דער אלטער הויז. זיינע עלטערן זענען געווען צו ארעם אים צו צושטעלן א דזשעקעט. די פארטאגס קעלט האט אריינגעדרינגען אין זיינע ביינער ווען ער האט זיך ארויסגעלאזט אין וועג. געווענטליך וואלט ער יעצט געדארפט ריכטן זיינע טריט צום פאבליק סקול און שפעטער נאכמיטאג צום מלמד. אבער היינט איז ער נישט געווען קלאר ווי אזוי זיין סדר היום וועט זיך אויסשטעלן. זיינע עלטערן האבן נישט צופיל געלט. זיי ארבעטן ביטער שווער אבער מען רעדט זיך נישט אפ, ברוך השם אז מען קען לייגן ברויט אויפן טיש.

יענעם אינדערפרי, אויפן ליידיגן מאגן וועלכע האט געמאנט זיינס, האט דאס אינגל אפגעמאכט א פארטיגע פלאן. דער שכן, אירווינג האט אים נעכטן מיטגעטיילט אז די צייטונג אפיס זוכט אינגלעך צו ארבעטן אין די פרינטינג אפטיילונג. א גוטע עצה, ער וועט אריבערגיין צום אפיס און זיך מעלדן פאר די ארבעט. דאס מיינט נישט אז ער וועט מער נישט לערנען קיין תורה, ער וועט נאכאלץ גיין צום מלמד נאכמיטאג, אבער דורכאויס דעם טאג וועט ער טון וואס איז ריכטיג, ארבעטן צו ארויסהעלפן זיינע עלטערן מיט פרנסה.




א טריט נאך א טריט שלעפט זיך דאס אינגל איבער די לאנגע שטאטישע גאסן. ער פארמאגט נישט דאס ניקל צו דעקן די שפעזן פארן באס, דעריבער גייט ער די צוואנציג גאסן צופיס. פון דערוויטנס קען ער שוין זען דעם שפיץ פונעם בנין. און יא, ער זעט דארט א טאוול הענגען מיטן אויפשריפט, "עס ווערט געזוכט ארבעטערס".

׳דאס איז עס׳, קלערט דאס קינד צו זיך, ווען ער פארשנעלערט זיינע טריט. ער דערנענטערט זיך שוין צום בנין, ער וועט באקומען דעם פאסטן און פארדינען אביסל געלט.

אבער געוואלד! וואס זעט ער דא? ווי נאר ער קומט נאנט צום בנין באמערקט ער ווי אן ארבעטער קריכט ארויף אויף א לייטער און נעמט אראפ דעם טאוול.

״פארוואס טוסטו דאס?״ פרעגט ער מיט פארדרוס, ״וואס איז? ענק נויטיגן זיך מער נישט אין קיין ארבעטערס?״

״ניין!״ האט דער מענטש געענטפערט אראפקריכנדיג פונעם לייטער מיטן טאוול אין האנט. ״פאר דריי מינוט צוריק איז דא אנגעקומען דער לעצטער אינגל וואס מיר האבן אויפגענומען, און פארטיג, מיר האבן אנגעפילט אלע פאזיציעס.

מיט אן איינגעפאלענער רוקן איז דער אינגל געגאנגען דעם לאנגן וועג אויף צוריק אין סקול אריין!

## אב, תרפ״ו

ער איז שוין נישט קיין אינגל מער. ער איז שוין א בחור וועלכער דערנענטערט זיך צו די אכצן יאר. ער דארף שוין טראכטן תכלית. מיט א חוש צו מאלן האט ער מחליט געווען זיך צו נעמען צו מאלעריי. ער וועט זיך לערנען דער פאך און ווערן א פראפעסינאלער מעלער.

אומר ועושה, ער שפאנט צום ׳באלטימאר סקול אוו ארט׳ אבער צו זיין אנטוישונג האט אים דער פראפעסער אויפגענומען טריקן, ״מיר קענען דיך נישט אננעמען, דו ביסט א איד און מיר נעמען נאר אן אזא איינער וואס קען רעדן ענגליש.״

״אבער איך בין געבוירן און אויפגעוואקסן אין אמעריקע, איך רעדט א פליסיגן ענגליש,״ האט דער בחור׳ל גע׳טענה׳ט אבער ס׳איז נישט געווען מיט וועמען צו האנדלן. יענער האט זיך געהאלטן ביי זיינס. דער אנטיסעמיט האט אויפגעעפנט דעם טיר און אים געוויזן דער וועג ארויס...

## אדר תר״צ, ניו יארק

דער בחור׳ל איז אינטערגעוואקסן. ער לערנט פלייסיג אין א ישיבה אין ניו יארק ווען ער ווערט געוואר אז דער תלמוד תורה אין באלטימאר, וואו ער האט געלערנט אלס קינד, זוכט א תנ״ך מלמד.

׳דאס איז א פיינער פאסטן,׳ האט ער געקלערט צו זיך. ער האט גוט געקענט לערנען תנ״ך און זיין פריערדיגער מנהל געדענקט אים נאך זיכער גוט, וועט ער זיך אנגעבן פאר דער פאסטן. וואס קען זיין א בעסערע פרנסה ווי לערנען מיט אידישע קינדער?

ער האט זיך נישט פארזוימט נאר זיך געאיילט צום באן סטאנציע אויפן וועג קיין באלטימאר זיך אנצוגעבן פאר דער פאסטן. ער שטייט ביים באן פלאטפארמע אוןווארט. ער ווארט אז דער באן זאל זיך באווייזן אבער עס קומט נישט אן. נאך א לאנגע צייט האט זיך ענדליך אנגעזען דער באן פון דערווייטנעס. ער שטייגט אויף אויפן באן און קוקט אויפן זייגער

וואו עס האלט... נאך א פארצויגענע רייזע האט ער ענדליך דערגרייכט דעם תלמוד תורה נאר צו הערן אז איינער האט שוין אנגענומען דער פאסטן.

וואס גייט דא פאר?

## סיון תשנ"ה, קאנג. בית ישראל, ברוקלין ניו יארק

ס'איז ליל שישי. הגה"צ רבי אביגדור מיללער ז"ל שטייט אויף די בימה און גיבט איבער דעם וועכענטליכן שיעור אויף די פרשה פון דער וואך. אלע צוהערער האבן אנגעשפיצטע אויערן נישט צו פארפאסן קיין איין ווארט בשעת דער רב שילדערט ווי אזוי ער האט אין זיין יוגנט פארפאסט איין פאסטן נאכן צווייטן. קודם ביים צייטונג וואו ער האט פארשפעטיגט מיט דריי מינוט. נאכדעם ווען דער פראפעסער האט אים אן קיין שום סיבה אנטזאגט פון לערנען מאלעריי. און צום לעצט ווען ער האט פארפאסט דער מלומדת פאסטן צוליב דעם פארשפעטיגטן באן.

"אין די וואכעדיגע סדרה," האט רבי אביגדור ווייטער גערעדט, "דערציילט אונז די תורה יעדעס איינציגסטער פלאץ וואו די אידן האבן זיך אפגעשטעלט אין מדבר אויפן וועג קיין ארץ ישראל. פארוואס פעלט דאס אויס?

ווען דו דערציילסט איבער דיין נסיעה וועסטו שילדערן יעדעס מאל וואו דו האסט זיך אפגעשטעלט צו נעמען גאזאלין? אבער מיר זעען אז די תורה דערציילט אונז יא יעדע פלאץ. ווייל זי וויל אונז דא עפעס לערנען.

ווען איך קוק צוריק צו מיין לעבן קען איך אזוי קלאר זען ווי דער יד השם האט מיר געפירט. אויב איך וואלט ווען באקומען דעם פאסטן ביים צייטונג אפיס אדער זיך געלערנט מאלעריי, וואלט איך נישט געגאנגען לערנען אין ישיבה. און ווען איך באקום ווען דער פאסטן אין תלמוד תורה וואלט איך פארפאסט דעם געלעגענהייט צו פארן קיין אייראפע צו לערנען אין סלאבאדקע ביים מיין רבי'ן, הרה"ג רבי יצחק אייזיק שעהר זי"ע דאן וואלט איך זיכער נישט אויסגעשטיגן דאס וואס איך בין היינט. מיין גאנצע תורה איז צו פארדאנקן הקדוש ברוך הוא וואס האט מיר געהיטן א גאנץ לעבן מיט אן ספעציעלע השגחה.

ווען די תורה דערציילט אונז יעדעס טריט פון די אידן אין מדבר קומט דאס צו לערנען אז יעדע טריט פון א איד איז פינקטליך אויסגערעכנט דורך השי"ת פאר א סיבה. יעדעס געשעעניש וואס קומט פאר אין אונזער לעבן איז פאר א צוועק און מיר זענען מחויב דאס צו וויסן און שטענדיג געדענקן.

א פרייליכן שבת!

(באזירט אויף דער לעבענס געשיכטע פון הגה"צ רבי אביגדור מיללער ז"ל)

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**